# נאָטיצן צו אַ לערנפּלאַן (פּעליעטאָן)

## פֿון נ. ק. לערער

כסדר הערט מען טענות אַז חינוך דאַרף ווערן מער מאָדערן, צוגעפּאַסט צו דער צײַט. אָט לייגן מיר פֿיר אַ פּאָר אופֿגאַבעס וואָס זאָלן אויספֿילן יענעם בלויז. מאַכט זיכער אַז איר ווייסט די ענטפֿערס איידער איר דערלאַנגט די היימאַרבעט אײַערע תּלמידים. הצלחה רבה!

א. שפּראַך און געשיכטע

1. צייכן אַ ליניע צווישן די ווערטער וואָס זײַנען אַ פּאָר.

| | |
|---|---|
| די השׂגות | די פֿאַרבן |
| די זאַכן | די קריוודעס |
| די נאַשן | די חיות |
| די מוחות | די געטער |
| די ביימער | די תּירוצים |
| די שאָדנס | די אַנטשולדיקונגען |
| די קאַרס | די ציפֿערן |
| די פֿירערס | די היימען |

2. צייכן אַ ליניע פֿון נאָמען פֿון חומש-ספֿר צום וואָרט, וואָס באַשרײַבט אים צום בעסטן.

| | |
|---|---|
| בראשית | גאָט ברוך-הוא |
| שמות | דאָס פֿאָלק ישׂראל |
| ויקרא | מצוות און מעשׂים טובֿים |
| במדבר | יסורים אָן אַ זינען |
| דבֿרים | די מידינער פֿרויען |
| | דער אומבאַקענעוודיקער אייבערשטער |

ג. פֿאַרשטיין די וועלט אַרום זיך

1. אין לײדיקן אָרט אונטן, גיט אָן אַ נומער פֿון צען ציפֿערן וואָס באַשרײַבט דיך צום בעסטנס, און אַ פּאַראָל פֿון אַכט אותיות אָדער נומערן. האָט נישט מורא פֿאַרן זײַן שעפֿעריש!

2. פֿון וואַנען שטאַמט דײַן בייביסיטער?
א. וואָס הייסט לאַנד? זי איז דאָך אַ שחורטע
ב. די דאָמיניקאַנער רעפּובליק
ג. גאַנאַ
ד. איך ווייס נישט / זי איז סתּם אַ פֿרוי
ה. פֿאַרשטיין דעם אייגענעם גוף

3. ווער צווישן דײַנע מיטתּלמידים איז דער בעסטער
א. פֿאָרצער?
ב. גרעפּצער?
ג. כראָפּער?
ד. נאָז-דלובער?

**ה. פישער?**

נאָכן פֿאַרענדיקן די היימאַרבעט: גיב זי גלײַך אָפּ דעם לערער. כאָטש מיר ווילן זײַן מאָדערן, פֿאַרשטייען נישט טייל טאַטע-מאַמעס וואָס דאָס הייסט, און וועלן זיך אָפּרופֿן אויף אַן אומפּאַסיקן אופֿן.